NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13288

# KINDER PYESN

Yehude Veynberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה ווײנבערג

# קינדער פּיעסן

MICROFORM

אינהאלט:

1) דער האונדערט פּענטש.

2) סדום.

3) חושך מצרים.

4) דער ווידע מיטן אייניקל.

9500

ייִדישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.

פערלאג אידיש לעבן

334 איסט 15-טע גאס, ניו יארק



Copyright By

Y. WEINBERG

New York 1929

דאס רעכט אויפצופירן די פיעסן איבער שולן
באהאלט דער מחבר פאר זיך.

# דער וואונדער־מענטש

**פערזאנען:**

שלמה'לע
פייגעלע
לייבעלע און
הנה'לע — קינדערלאך פון פיר ביז ניין יאר אלט.
די דינסט
דער אלטינקער

די סצענע קומט פאר ביי די קינדער אין שטוב. מאמע־טאטע זיינען אוועקגעגאנגען און זיי דארפן גיין שלאפן. האט די דינסט געבאך צרות ווי אריינצוקריגן אין די בעטן. זיצט פייגעלע און לייענט נאך א ביכל, א מעשה וועגן א וואונדער־מענטש. און לייבעלע וויל נאך עפעס אויסמאכן פון זיינע קלעצלאך. זיצט ער אויפן דיל און ארבעט. שלמה'לע, דער עלטסטער, א שטיפער ווילט זיך אים נאך אביסל א שטיפ געבן איידער ער גייט אוועק אין בעט אריין אויף א גאנצער נאכט. יאגט ער זיך מיט דער קלענסטער מיידעלע, מיט הנה'לען.

די סצענע דארף זיין וואס ווייניגער אנגעשטעלט. אז מ'וויל די קינדער זאלן ניט פארפאלן ווערן צווישן דעקאראציעס, דארף מען זיי וואס ווייניגער אנשטעלן. בלויז א טיש און א פאר שטולן און אויפן טיש שטייט א גלאז. דאס אלץ.

ש ל מ ה ' ל ע : קיינער קען מיך ניט כאפן. פון הנה'לען איז דאך שוין אפגערעדט און אפילו לייבל קאפייבל וועט מיך אויך ניט כאפן. ווייסט איר וואס? יאגט זיך אלע נאך מיר איינעם.

( גיים צו צו פייגעלען און נעמט ביי איר ארויס דעם בוך פון האנט )
גענוג דיר לייענען. קום יאג זיך נאך מיר.

פ יי ג ע ל ע : איך האב איצט געלייענט אזא שיינע מעשה מיט א וואונדער-מענטש. זאג, שלמה׳לע, זיינען טאקע דא וואונדער-מענטשן אויף דער וועלט?

ש ל מ ה ׳ ל ע : איך ווייס? ס׳איז ווי דו גלויבסט אין דעם. גלויבסט אין זיי, זיינען זיי פאראן. גלויבסטו נים אין זיי, זיינען זיי נישא.

פ יי ג ע ל ע : און דו גלויבסט אין זיי?

ש ל מ ה ׳ ל ע : בוויים נים. איך האב קיינמאל נים געטראכט דערפון. קומט אלע, יאגט זיך נאך מיר און כאפט מיך (אלע יאגן זיך) קיינער קען מיך נים כאפן.

ל יי ב ע ל ע : (שטעלט זיך אפ) יע, ס׳איז ווייל דו לאזסט זיך נים. אז איך וועל זיך נים לאזן וועט איר מיך אויך נים קענען כאפן.

ש ל מ ה ׳ ל ע : נו, גוט, וועל איך ווארפן א באל און איך וועל אים כאפן פריער פון אייך אלעמען. (ווארפט דעם באל וועלכער פאר קייקלט זיך אונטערן טיש. די קינדער לויפן אהין עס כאפן. דער טיש גיט זיך א טרייסל, ס׳פאלט פון אים אראפ א גלאז און צעברעכט זיך. ס׳לויפט אן די דינסט)

ד י ד י נ ס ט: שוין ווידער עפעס צעבראכן? איך האב אייך געזאגט פריער איר זאלט גיין זיך לייגן שלאפן, האט איר מיך נים געפאלגט. איצט איז שוין נאך אכט אזייגער. ווי לאנג וועט איר זיצן? אלעמאל, אז פא און מא זייען אוועק האב איך צרות פון זיי.

ש ל מ ה ׳ ל ע : נו וואס איז אז עס צעברעכט זיך א גלאז? נים גע-פערלאך, פא וועט אונז גארנישט טאן דערפאר.

ד י ד י נ ס ט : אבער פארוואס זאלט איר נים גיין צו דער צייט שלאפן? נאכדעם באשולדיגט מען מיך. און אפשר איז דאס

געווען די געבלומטע גלאז אויך. יע, אמת, ס׳איז טאקע די גע-
בלומטע גלאז. פא האט די גלאז אזוי ליב. מ׳קריגט עפעס נים
צוזוקויפן נאך אזא גלאז. דארפן זיי גיין און עס צעברעכן.
וואָרם, צעשטעכט זיך נים די פיס ביז אי׳בי׳ל די שטיקלאך גלאז
אויפקלייבן. (גייט ארויס)

פ ײ ג ע ל ע : פא וועט אונז גארנים טאן דערפאר.

ש ל מ ה ׳ ל ע : יע, אבער צעברעכן די גלאז האט מען נים בא-
דארפט. אלין איינט, מיך פארדריסט עס.

פ ײ ג ע ל ע : מיך פארדריסט עס אויך.

ד י ד י נ ס ט : (קומט אריין מיט א שאפל און א בערשטל. נעמט
צוזאמען די שטיקלאך גלאז) איך גיי איצט אריין אויף א ווײלע
אין קראם דערבײ עפעס קויפן, איידער מ׳וועט עס צוטאכן.
און אז איך וועל קומען צוריק זאל איך אייך שוין געפינען אלע-
מען אין די בעטן. (גייט אוועק)

ש ל מ ה ׳ ל ע: הוקא וועלן מיר איצט נים גיין זיך לייגן שלאפן.
און זאל זי דערנאך דערציילן פא.

ח נ ה ׳ ל ע : איך האב מורא. אלע ווינען אזוי אומעטיג געווארן.

(צעוויינט זיך)

פ ײ ג ע ל ע : נו, שא. וויין נים, חנה׳לע. מיר וועלן גאנין מאכן
צוריק די גלאז. (חנה׳לע הערט אויף וויינען. צו די קינדער) ס׳וואלט
געווען א גוטע זאך, ווען מ׳קען גאנין מאכן צוריק די צעברא-
כענע זאכן. א וואונדער-מענטש וואלט עס געקענט טאן.

ש ל מ ה ׳ ל ע : עס זיינען אפשר פאראן וואונדער-מענטשן אויף
דער וועלט, אבער ווער קען וויסן וואו זיי זיינען, ווער קען זיי
געפינען.

(ס׳עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אריין דער אלטינקער)

ד ע ר א ל ט י נ ק ע ר : שרעקט זיך נים פאר מיר, קינדערלאך.
איך בין אן אלטינקער, איך גיי איבער די הייזער. אייער טאטע
מאמע זיינען גאר אוועקגעגאנגען? איך האב געוואלט בעטן
מ׳זאל מיר דא לאזן איבערנעכטיגן.

פ י נ ע ל ע: זיי זיינען אוועקגעגאנגען און וועלן קומען צוריק שפעט. די דינסט איז אויך אוועקגעגאנגען אויף א ווײַלע.

ד ע ר א ל ט י נ ק ע ר : (זעצט זיך צו) שרעקט זיך נישט פאר מיר. איך וועל מיר דא אפרוען אויף א ווײַלע. איך ווער זייער גיך מיד אין די עלטערע יארן. אפשר קענט איר מיר געבן א טרונק וואסער, קינדערלאך? (קיינער גייט נישט געבן) שרעקט אייך נישט פאר מיר. איך האב דא אפילו מיין אייגן גלאז אין פעקל. (נעמט ארויס א גלאז פון זיין פעקל) אז האט איר מיין אייגן גלאז קענט איר אין דעם ברענגען אביסל וואסער פאר מיר. טא-מער ווילט איר נישט נוצן אייערע אייגענע גלעזער.

ש ל מ ה ' ל ע: (נעמט די גלאז) זעט נאר, פונקט אזא גלאז ווי מיר האבן הײַנט צעבראכן. דיזעלבע גלאז. אט זיינען דא פאראן די בלימעלאך און די פינטעלאך. א מאדנע זאך דאס איז.

ד ע ר א ל ט י נ ק ע ר : (מיט א שמייכל) וואס איז? איר האט הײַנט צעבראכן פונקט אזא גלאז? קענט איר עס האלטן פאר זיך. איך וועל מיר קויפן אן אנדערע. (הייבט זיך אויף) איך מוז שוין זיין. איך וועל ערגעץ אנדערשוואו קריגן א טרונק וואסער.

פ י נ ע ל ע: זאג, ווער ביזטו, אלטינקער? ביזטו טאקע אויף אן אמתן דער וואונדער-מענטש? ... מיר האבן איצט א גע-רעדט פון דיר.

ד ע ר א ל ט י נ ק ע ר: וואס פאר א וואונדער-מענטש בין איך אז איך באדארף ארומגיין איבער די הייזער און זוכן וואו אי-בערצונעכטיגן? איך בין א מענטש ווי אלע מענטשן. נאר איך האב מיר א סך אנגעזען און אנגעהערט אויף מיין לעבן. איך גיי דאך אום א וועלט א גאנצע, הייס איך פון א סך פארשיידענע זאכן.

ש ל מ ה ' ל ע: אבער ווי האסטו געקענט וויסן ווי אונזער גלאז האט אויסגעזען? דאס אליין איז דאך שוין דער גרעסטער וואונדער.

דער אלטינקער: וואס פאר א וואונדער איז דא דערביי? איז דען איין געבלומטע גלאז פאראן אויף דער וועלט? איך בין געגאנגען היינט אין גאס האב איך געזען אין א קראם אזא גלאז שטייענדיג, איז עס מיר זייער געפעלן געווארן, האב איך עס אפגעקויפט. איך באדארף סיי ווי האבן מיט זיך אן אייגן גלאז. האט עס צופעליג אויסגעזען ווי אייערע. נו, איצט וועל איך גיין. ס'וועט מיר שוין ווערן שפעט.

פייגעלע: גיי נאך נים אוועק, אלטינקער. וועסט קענען ביי אונז בלייבן נעכטיגן. גיי נאך נים אוועק. (אלע קינדער בעטן זיך ביי אים)

דער אלטינקער: ניין, קינדערלאך, איך קען נים. איך ווייס דאך נים צי אייער טאטע מאמע וועלן מיר דערלויבן דא צו נעכטיגן און דערווייל קען איך פארזאמען ערגעץ אנדערש וואו. צו-שפעט קען מען אין א פרעמדער שטוב נים אריינקומען בעטן לאזן איבערנעכטיגן. זיי קענען נאך מיינען אויף מיר אז איך בין א גנב, חלילה. א גוטע נאכט, קינדערלאך. טאמער וועל איר מיך אריינלאזן איבערנעכטיגן. (גייט אוועק)
איך אין ערגעץ נים קריגן, וועל איך קומען אהער צוריק, וועט

פייגעלע: איך האב אייך געזאגט, אז ס'זיינען פאראן וואונ- דער-מענטשן אויף דער וועלט. דאס איז דער אמת'ער וואונדער- מענטש, ווי האט ער געקענט וויסן אריינצוקומען אהער גראד איצט?

שלמה'לע: קען זיין, אז ער האט עס גאנץ געמאכט די צע- בראכענע גלאז. קומט, לאמיר גיין זען, צי מיר וועלן געפינען די צעבראכענע שטיקער גלאז, וואס די דינסט האט ארויס- געווארפן. (לאזן זיך גיין. אין טיר באגעגנט זיי די דינסט)

די דינסט: וואס, איר שלאפט נאך אלץ נים? ווי איז מיר, וואס הייב איך אן צו טאן מיט אייך?

די קינדער: דער וואונדער- מענטש איז דא געווען.

די דינסם: ווער?

די קינדער: דער וואונדער-מענטש.

שלמה׳לע: ער האָט אונז געגעבן פונקט אַזאַ גלאָז ווי מיר האָבן צעבראָכן. (גיט איר די גלאָז)

די דינסם: זע, מאַמע, אַ וואונדערבאַרע זאַך. די זעלבע גלאָז וואָס איר האָט צעבראָכן. איז דאָ פאַר דער ווײַלע עמיצער מאַמע געווען און אַוועקגעגאַנגען?

פײַגעלע: אַזאַ גוטער אַלטינקער איז דאָ געווען, מיט אַ פעקל אויף די פּלייצעס. ער גייט איבער די הײַזער. ער איז אַן אמת׳ער וואונדער-מענטש.

די דינסם: מ׳טאָר אײַך מאַמע אַליין ניט איבערלאָזן אין שטוב. ווער ווייסט ווער ס׳קען נאָך אַמאָל אַנקומען אין שטוב ווען איך בין ניטאָ. נו, גייט שוין שלאָפן, קינדערלאַך טײַערע. איר זענט דאָך גוטע קינדערלאַך.

לײַבעלע: מיר ווילן וואַרטן אויפן וואונדער-מענטש. ער האָט געזאָגט אַז אויב ער וועט ניט האָבן וואו צו נעכטיקן וועט ער קומען אַהער.

די דינסם: גיי, נאַרעלע. אַ וואונדער-מענטש קומט ניט מער ווי איינמאָל.

שלמה׳לע: אַלץ איינס. מיר ווילן וואַרטן אויף אים אַ ווײַלע. טאָמער קומט ער. די קליינע זאָלן גיין שלאָפן און מיר וועלן נאָך וואַרטן אַ ווײַלע.

לײַבעלע: אָבער טאָמער קומט ער, וועט איר אונז אויפוועקן?

די דינסם: געוויס, געוויס. מ׳ירן דיך אויפוועקן. און איר זאָלט אויך לאַנג ניט זיצן, קינדערלאַך טײַערע. (פירט אַוועק די קליינע קינדערלאַך. בלײַבן זיצן שטיל)

פײַגעלע: דו וואָלסט געוואָלט אַז ער זאָל צוריקקומען?

שלמה׳לע: איך ווייס אליין נים. ווען ער קומם נים ווייס איך
איך זיכער, אז דאס איז געווען דער וואונדער-מענטש. אבער
אז ס׳איז טאקע געווען דער אמת׳ער וואונדער-מענטש וואלט
איך אזוי געוואלט אים נאכאמאל זען. מיר האבן אים דאך אפילו
קיין טרונק וואסער נים געגעבן.

פייגעלע: יע, איצט זע איך, אז ס׳איז טאקע אמת וואס די
האבט פריער געזאגט, אז איב מ׳גלייבט אין וואונדער-מענטשן
ווינען זיי טאקע פאראן.

(בלייבן זיצןווארטנדיג)

(פארהאנג)

# סדום

(אַ ביבלישע שטאָט)

(פאַר גרעסערע קינדער)

**פערזאָנען:**

כושן — אַ סדומניק.
אדיראַנדאַ — זיין ווייב.
ברו — אַ שכן.
ערשטער פרעמדער.
צווייטער פרעמדער.

די האַנדלונג קומט פאָר ביי כושנען אין הויז. כושן, אדיראַנדאַ און ברו זיצן ביים טיש. אַנהויב אָוונט. מ'האַלט אין עסן. ס'הערט זיך ווי מ'קלאַפּט אין טיר.

**אדיראַנדאַ:** די צוויי פרעמדע, וועלכע זיינען פאַראַן אין שטאָט זיינען שוין געקומען צו אונזער טיר קלאַפּן. זאָלן מיר זיי אַריינלאָזן?

**כושן:** גוט. לאָז זיי אַריין, אדיראַנדאַ. (אדיראַנדאַ עפנט די טיר פאַר זיי. ס'קומען אַריין צוויי פרעמדע)

**ערשטער:** אַ גוט נ'אָוונט איך. (קיינער ענטפערט ניט) קיינער ענטפערט גאָרניט? וואָס איז דאָ?

**כושן:** וועלן מיר איך ענטפערן, אויב איר דאַרפט עס שטאַרק

נויטיג. א גוט נ׳אוונט אייך.

ע ר ש ט ע ר: מיר זיינען פרעמדע, פארבייגייער, גייען מיר שוין אין וועג צוויי טעג און בלאָנדזשען אזוי אַרום. ביז מיר זיינען געקומען אַהער אין דער שטאָט, ווייסן מיר ניט וואוהין מיר זיינען אריינגעפאַלן. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואו זיינען מיר?

ב ר ו: וואָס איז דער אונטערשייד וואו איר זענט? וואָס שרעקט איר זיך אַזוי?

צ ו ו י י ט ע ר: ס׳איז דאָ אַזאַ מאָדנע שטאָט, מ׳לאָזט אונז ניט אַריין אין ערגעץ. מיר קלאַפּן אין די טירן. אומעטום פאַרמאַכט. זאָגט אונז, וואו זיינען מיר?

כ ו ש ן: אָט האָט מען דאָך אייך אַריינגעלאָזן אין אַ שטוב. און וואָס זשע האָט איר אַזוי מורא?

ע ר ש ט ע ר: מיר האָבן מורא... צי מיר זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין דער שטאָט סדום. (מ׳צעלאַכט זיך) וואָס לאַכט מען דאָ? אויב אַזוי, מוז עס טאַקע זיין סדום... ווי איז מיר. (קוקט זיך אַרום מיט שרעק)

כ ו ש ן: און אַז סדום איז וואָס? וואָס זשע, סדום איז גאָר קיין שטאָט ניט? די סדומניקעס זיינען די זעלבע מענטשן וואָס אומעטום.

א ד י ר א נ ד א: אונז האָבן נאָך די סדומניקעס קיין שלעכטס ניט געטאָן.

[illegible]: מ׳דערציילט זיך אָבער אַן אַזעלכע שרעקליכע זאַכן וועגן סדום, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. זאָגט, וואו זיינען מיר?

כ ו ש ן: וואָס אַרט עס אייך? ס׳איז שוין אַלץ איינס. זייט איר אין סדום וועט אייך שוין ניט העלפן אייער מורא האָבן, און אויב ניט איז דאָך געווייס גוט. דערווייל גייט זעצט זיך צום טיש עסן. איר זייט דאָך זיכער הונגעריג.

צוויטער: אָ, גאָט צו דאַנקען, זיינען מיר טאַקע ניט אין סדום — אַז מ'רופט אונז עסן.

ערשטער: אַבי מיר האָבן זיך אַזוי דערשראָקן. (זיפצט אָפּ) קען מען דאָ קריגן אַביסל וואַסער זיך אַרומצוואַשן?

אדיראנדא: זיכער. אָט איז וואַסער און אָט זיינען טיכער זיך אָפּצואווישן. וואַשט זיך אָרום, נעמט אַראָפּ דעם שטויב פון אייערע פיס און זעצט זיך צום טיש, איר זייט דאָך וואַנדערער, פוס-גייער. (זיי טוען עס, זעצן זיך צום טיש)

ערשטער: געבענשט זאָלט איר זיין, גוטע מענטשן, וואָס איר האָט מיטלייד מיט אונז, פרעמדע פאַרבייגייער. ניט אומעטום האָט מען רחמנות אויף זיי. (מ'צעלאַכט זיך) וואָס לאַכט מען עס?

אדיראנדא: דאָס איז גאַרניט וואָס מ'לאַכט. איך האָב אָבער פאַר אייך אַ געשמאַקן עסן, וואָס איר האָט נאָך אפשר קיינמאָל ניט פאַרזוכט. אפשר דערפאַר, ווייל איר זייט נאָך קיינמאָל אַזוי הונגעריג ניט געווען. (דערלאַנגט צום טיש) אָט האָט איר פיש, פלייש און זופּ. נו, זאָגט, האָט איר עס שוין אַמאָל געגעסן?

צווייטער: אמת, אמת, מיר זייען טאַקע קיינמאָל אַזוי הונגעריג ניט געווען. הם... און דאָס עסן—עס פאַרשמעקט דאָך די שטוב.

אדיראנדא: זעט איר, אַז איך זאָג קיין ליגן ניט.

ערשטער: איידער איך הויב אָן עסן מוז איך זיך מודה זיין, אַז אַין אָנהויב האָב איך געמאַכט אַ גרויסן טעות וועגן אייך. איך האָב געמיינט, אַז איר זענט זייער שלעכט. איצט זע איך אַז מ'טאָר זיך ניט איילן אַרויסצוברענגען אַ מיינונג וועגן אַ מענטשן. (ווייל אָנהויבן עסן) קען מען שוין אָנהויבן עסן, הייסט עס. (מ'לאַכט) וואָס לאַכט מען דאָ אַזוי?

כושן: ביי אונז איז אַ מנהג, אַז איידער מ'הויבט אָן עסן שמעקט מען עס פריער אָפּ.

ערשטער: ווייל איך דאָך פריער אָפּשמעקן!

כושן: נײן, שמעקן הײסט בײ אונז מיטן נאָז. גיט אַ שמעק.

ערשטער: נו, מילא, אַ מנהג איז אַ מנהג. װעלן מיר אַ שמעק געבן. (גיבן בײדע אַ שמעק) אַ װאונדערבאַר עסן! דער ריח צע־גיסט זיך אין אַלע אברים.

ברז: אַ שמעק טאָן הײסט בײ אונז עטלאַכע מאָל. גיט, זײט מוחל, נאָך אַ שמעק. (בײדע גיבן נאָך אַ שמעק)

צװײטער: חלש׳ן קען מען פון אַזאַ זיסקײט. (זיפצט אױס אָפּ) אַ, בעת דער קאָפּ שװינדלט און דער מאָגן איז אַזױ אָפּגעצערט. צװײ מעת לעת קײן זאַך אין מױל ניט געהאַט. (גיט נאָך אַ שמעק) המ... ס׳צערײצט נאָך מער דעם הונגער. אױסגײן קען מען פון זיסקײט אַלײן. (שמעקט)

ברז: איר מוזט זײן הונגעריג. אַ שװערע זאַך צו זײן הונגעריג. הא, ניט אַזױ? ס׳מוז זײן שרעקלאַך. װאָס פילט איר דען איצט?

צװײטער: מ׳קען דאָס גאָרניט אױסדערצײלן. אַזױ װי מיט צװאַנגען װאָלט מען געריסן. פאַר די אױגן דרײען זיך רעדער אַרום. שװער צו דערצײלן, אָבער װאָס מער איך רעד דערפון, אַלץ מער צערײַען איך מײן הונגער.

כושן: יע, ס׳איז אמת, און װאָס װאָלט זײן, אַז מען װאָלט נאָך אַ ביסעלע אַ זופּ געטאָן, בלױז אײן בים געגעבן, פאַרזוכט? װאָלט מען נאָך מער צערײצט דעם הונגער.

צװײטער: איך װײס ניט, איצט װײס איך נאָר אײן זאַך: איך װיל עסן, און אָט שטײט פאַר מיר אַזאַ געשמאַק עסן, און איך קען נאָך ניט אָנהײבן. (װיל נעמען אַ לעפל זופּ)

ברז: (כאַפּט אים אָן פאַרן האַנט) װאַרט אַ װײלע, רעדט נאָך אַ ביסעלע װעגן אײער הונגער. ס׳איז געשמאַק צו הערן.

צװײטער: װי לאַנג נאָך װעלן מיר רעדן פון הונגער? װאָס מער מען רעדט, אַלץ ערגער װערט אונז. אָט װעלן מיר אָנהײבן עסן.

כושן: כאַ, כאַ, שמעקט נאָכאַמאָל אָפּ. (טראָגט זײ אונטער)

שמעקט, שטאַרקער, מערער. (זיי שמעקן. שטעלן דערנאָך אוועק אויפן טיש) איצט דערציילט פון אייער הונגער, דערנאָך וועט איר ווייטער א שמעק טאָן.

ערשטער: וואָס ווילט איר פון אונז? וואָס לאָזט איר אונז ניט עסן? וואָס שטופּט איר אונז אונטער דעם נאָז דאָס צו שמעקן? זאָגט, וואָס צערייצט איר אונז אַזוי? (אַלע לאַכן)

צווייטער: פאַרוואָס לאַכט מען אַזוי?

ברו: גאָרנישט. מיר האָבן זיך עפּעס דערמאָנט. גיט דערווייל א שמעק.

ערשטער: (שפּרינגט אויף) אַ, איך פאַרשטיין ס׳איז סדום.ווי איז צו אונזערע טעג! אין סדום זיינען מיר אַריינגעפאַלן! (צו זיין פריינט) לאָמיר לויפן וואוהין די אויגן וועלן טראָגן. (ווילן אַנטלויפן)

כושן: איצט קענט איר שוין עסן. וואָס מיינט איר,מ׳וועט שוין מאַכע אין סדום ניט געבן קיין מענטשן אפּצועסן? וואָס איז סדום ניט אַזאַ שטאָט ווי אַלע שטעט? מיר האָבן אייך בלויז גע-וואָלט אָביסעלע אַנמאַטערן. אָבער איצט קענט איר שוין עסן. האָט קיין מורא ניט, דאָס עסן איז ניט פאַרסמט׳ט. (פאַרזוכט) איר זעט, אָט עס איך אַליין דערפון. (די פרעמדע קווינקלען זיך און הויבן אָן עסן)

ערשטער: (עסט. קוקט זיך אַרום דערשראָקן) ס׳גלויבט זיך מיר גיט, אַז איר האָט מיך געלאָזן עסן. אפשר ווילט איר אונז דאָ ווייטער פאַרנאַרן.

כושן: ניין, ניין. איר קענט עסן. איר האָט שוין פאַרזוכט סדום.
צווייטער: (עסט) אַ פאַרשאָלטענע שטאָט סדום. אַ, מיר האָבן פאַרזוכט דעם טעם.

ברו: דערפאַר זיינען מיר אַזוי באַרימט אויף דער וועלט. ניט אַלע שלעכטע וועט מען געדיינקען אויף אייביג. אונזער שטאָט וועט מען נאָך טויזנטער יאָרן דערמאָנען... כאַ, כאַ. דערפאַר

האָבן מיר אייך עסן געגעבן כּדי איר זאָלט וויסן וואָס סדום איז.

כּוּשן: נו, איצט זעט איר שוין? אַלץ וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן אונז איז אמת. אפשר נאָך ערגער ווי מ׳דערציילט. וואָס דען, איינפאַכע רויבער וועלן מיר זיין? פּתּאום שלעכטע מענטשן ווערט מען אייך געדיינקען טויזנטער יאָרן? כאָ, כאָ. איצט קענט איר גיין. דעם טעם פון סדום ווערט איר שוין געדיינקען ווי לאַנג איר וועט לעבן. אבי איר וועט נים קענען זאָגן, אַז מ׳האָט אייך אין סדום קיין עסן נים געגעבן.

צוויטער: יע, מיר גייען. דאָס איז דער ריכטיגער טעם פון הונגער געווען. אין סדום — איך איך וועט סדום דערמאָנט ווערן צום שלעכטן.

(גייען אַרויס בעת די סדומ׳ער קוקן זיי נאָך)

(פאַרהאַנג)

# חשך מצרים

(א קאָמעדיע פאַר גרעסערע קינדער)

## פּערזאָנען:

טומטאַך — זיין משנה למלך, דער חכם און בעל יועץ.
פּרעה — מלך פון מצרים
תּמלוך — א פירער פון ארמייען
סוסוך און
לוטוך — א פּאָר פּשוטע רינער נעבאַך און סאָלדאַטן.

די סצענע קומט פאָר ביי פּרעהן אין טראָן צימער אין דער צייט פון דער באַוואוסטער מכה „חשך". דער צימער איז ווייניג אָנגעשטעלט מיט מעבל. וואָס ווייניגער אַלץ בעסער. בלויז איין טראָן, פון וואָס אראָפּצופאַלן און א דיל ס'זאָל זיין אָן וואָס זיך צו צעקלאַפּען. די סצענע דאַרף זיין באַלויכטן.

**פּרעה:** (זיצט ביי זיך אויפן טראָן און זוכט די וואַנט) וואו בין איך? די וואַנט איז דאָך שוין ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. קינדער מיינע, האָט איך מיר רחמנות. געפינט מיר די וואַנט.

**לוטוך:** (ליגט אויפן דיל און מיינט אז ער שטייט ביי דער וואַנט) מעכטיגער קעניג, אָט איז די וואַנט! איך האָב זי געפינען.

**פּרעה:** (מיט שמחה) טאַ האַלט זי. האַלט זי, לוטוך, לאָז זי ניט אָפּ. אָט וועל איך צוקומען צו דיר. (פּרוּווט שטעלן א טריט) ווי איז מיר. איצט איז שוין דער דיל אויך איינגעזונקען געוואָרן. מיר דאַכט, אז איך קען שוין ניט גיין אויך ניט.

**טומטאַך:** (צעטראָגן) מעכטיגער קעניג, רעד ניט אזעלכע

דבורים. מ'טאָר זיך אַזוי נים אָפּלאָזן אין דער פינסטער. (צו די קנעכט) און מיין גאַנצן כעס וועל איך אויסלאָזן צו אייך, נידעריגע ברואים וואָס איר זענט. ווי וואַגט איר צו רעדן צום קעניג, האַ? איר מיסט וואָס איר זענט.

פ ר ע ה : שריי נים, שריי נים, טוטמאַך, אויף זיי. איצט זיינען מיר אַלע גלייכע מענטשן אין דער פינסטער. (הוסט) העלף מיר בעסער מיט אַ שטיקל ברויט. איך בין דאָך אַ פאַרהלש טער, אַ צעבראָכענער שאַרבן. (דערמאָנט זיך אַז ד'יק) און דעם דיל האָב איך דאָך נאָך אַלין נים געפינען. (גיט אַ כאַפּ אַראָפּ) ווי איז מיר, איך פלין... (פאַלט אַראָפּ)

ט ו ט מ אַ ך : ווי איז מיר, דער מעכטיגער קעניג איז אַראָפּגע-פאַלן. הייבט אים אויף! וואָס שטיים איר אַלע? געפינט אים!

לוטוך און ט ו ט ו ך : (נעמען זיך האַסטיג צום זוכן) וואו ביזטו מעכטיגער קעניג? (באַגעגענען זיך, כאַפּן אַן איינער דעם אַנדערן) אָט איז דער קעניג. אָט האָבן מיר דיך געפינען, מעכטיגער קעניג פרעה.

פ ר ע ה : האַ, ווער רופט מיך דאָ ביים נאָמען? וואָס איז? לעב איך נאָך? עפּעס אַ מאָדנעס שיין זע איך פאַר די אויגן. (דער-שרעקט זיך) האַ, וואָס איז דאָס? זאָגט מיר, איך בעט אייך, בין איך שוין דאָס געשטאָרבן?

לוטוך : מעכטיגער קעניג, דו לעבסט נאָך. מיר האָבן דיך געפו-נען. אָט ביזטו דאָך.

פ ר ע ה : גוט, קינדער מיינע. נעמט זעצט מיך אַוועק אויפן טראָן. (ער מיינט, אַז מ'פירט אים)

לוטוך : (פירן זיךביידע אַרום.בלייבן שטיין אין מיטן צימער) אָט איז דער טראָן, מעכטיגער קעניג, זעץ זיך אַוועק אויף אים.

טוטוך : זיין, מעכטיגער קעניג, און פאַל נים אַראָפּ.

טוטמאַך : (שפּרינגט אויף) אָבער איך קען דאָס נים אַריבער-טראָגן מיכט וואָס איר זענט. ווי וואַגט איר צו רעדן צום

קעניג, נידעריגע ברואים! וואו זענט איר ערגעץ? (לויפט ווי שלאגן צעקלאפט זיך דעם קאפ אן וויל, שרייט) ווער האט דאס געוואגט אוועקשטעלן דעם וייל אין מיטן צימער, איך זאל זיך צעקלאפן? איר האט פארגעסן אין דער פינסטער, אז איך בין דער צווייטער פון קעניג? הא? איך בין דאך א גרויסער הער! דער גרעסטער פון אלע הארן! איר הערט וואס איך זאג אייך נידעריגע ברואים וואס איר זענט!

לוטוך און טוטוך: (ציטערן) אמת, אמת, מיר ווייסן, דו ביזט א גרויסער האר. אט בוקן מיר זיך פאר דיר. (בוקן זיך אין דער פארקערטער ריכטונג)

טוטוך: דו קענסט עס אפשר נים זען אין דער פינסטער, אבער איך שווער דיך ביי מיין לעבן, אז מיר בוקן זיך פאר דיר.

טוטמאך: דאס איז נאך אלץ ווייניג. איר מוזט אבער האלטן אין איין טראכטן סארא גרויסער מאן איך בין. איך קען דאך אייך טייטן ווען איך וויל. (יאגט זיך נאך זיי) איר מוזט גע-דיינקען איינמאל פאר אלעמאל סארא נידעריגע באשעפעניש איר זענט. (צעקלאפט זיך אן וייל פון דאס ניי) איך וועל זיך נאך מיטן וייל אויך אפרעכענען פארן שטיין מיר אין וועג. (באגגנט דעם שלאפנדיגן תמלוכ'ן און הויבט אים שלאגן) ס'ברענט אין מיר א מעכטיגער כעס, איר הערט? איך בין א גרויסער מאן, איצט וועט איר עס אלע געדיינקען.

תמלוך: (כאפט זיך אויף) וואס איז, ווער שלאגט מיך? איך וועל נים טויטן דעם קעניג, אבער שלאגט מיך נים. (טוטמאך הערט אים אויף שלאגן)

פרעה: וואס האסטו געזאגט וועגן טויטן דעם קעניג?

תמלוך: איך ווייס נים, מעכטיגער קעניג, איך ווייס נים וואס ס'איז געוועז מיט מיר. דאס האט געמוזט זיין א נארישער חלום, ווייזט אויס.

פרעה: זאג וואס האט זיך דיר געחלומט?

**ת מ ל ו ד**: אָ, זיי ניט בייז אויף מיר, מעכטיגער קעניג. איך בין ניט שולדיג, אַז ס׳חלומט זיך מיר אַן. מיר האָט זיך געחלומט... אָ, זיי ניט בייז אויף מיר, מעכטיגער קעניג. דער שונא איז געקומען אין שטאָט און זיי האָבן געטויט דעם מעכטיגן קעניג. און מיך האָט מען געשלאָגן.

**פ ר ע ה**: אַזוי, דעם קעניג האָט מען געטויט! ווער האָט געטויט דעם קעניג? העלפט מיך! באַשיצט מיך! איך וויל נאָך ניט שטאַרבן! ... ווי איז מיר. דעם קעניג האָט מען געטויט! און איך וויל נאָך לעבן.

**ת מ ל ו ד**: מעכטיגער קעניג, באַרואיג זיך. דאָס איז דאָך געווען בלויז אַ חלום, אַ חלום. אָ, קער זיך ניט אָפּ פון מיר, מעכטיגער קעניג.

**פ ר ע ה**: וואָס פאַר אַ מעכטיגער קעניג בין איך, אַז איך קריג אפילו ניט אָפּצועסן. (הוסט) ווײ, ווײ, ווי פאַרהלשט איך בין. גיט מיר עפּעס אין מויל אַריין. (הוסט) סאַראַ שטיקעניש דאָ איז. מ׳קען דעם אָטעם ניט ציען. (שרייט) אוי, ווי די זייט שטעכט מיר. און מיין פוס טוט ווײ. הם. קיין גאַנצער גליד ניטאָ אין קערפּער. זעט עמיצער, איז מיין פוס נאָך אַלץ גע־שוואָלן פון דעם שטיק האָגל וואָס איז אַרויפגעפאַלן! (צעהוסט זיך) העלפט מיר, קינדער, איך וועל עס אַליין ניט איבערטראָגן. די מכות האָבן מיר גאָר מיינע יאָרן פאַרקירצט. אָ, דאָס איז שוין מיין סוף... (בלייבט שטיל)

**ת מ ל ו ד**: איצט ווייס איך, אַז דער קעניג האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר. דער קעניג איז בייז אויף מיר. ווײ, ווײ, וואָס זאָל איך איצט טאָן? מעכטיגער קעניג, קער זיך ניט אַזוי אָפּ פון דיין געטרייען דינער תמלוכן. וואָס בין איך שולדיג, אַז מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום. אָ, מעכטיגער קעניג.

**פ ר ע ה**: וואָס ווייס איך וואָס איר טראָגט דאָרט פאַר אַ געדאַנ־קען אין קאָפּ ביי זיך? וואָס פאַר אַ מעכטיגער קעניג בין איך דען? (דערשרעקט זיך מיטאַמאָל) מיר דאַכט, אַז עמיצער איז דאָ

פאראַן אין צימער. עמיצער שטייט דאָ הינטער מיר מיט אַ בלויזן שווערד.

טוטמאַך: ווי איז מיר, ווער קען דאָס זיין? תמלוך, הו ביזט דאָך פון דער אַרמיי, גיי אין באַשיין דעם קעניג.

תמלוך: ווי קען איך זען זיך צו שלאָגן אין דער פינסטער, אַז איך האָב אַליין מורא... ווער איז דאָרט?

פרעה: העלפט מיך, ראַטעוועט, ער וויל מיך דערשטעכן. (ס'ווערט שטיל. פרעה דערפילט פּלוצלונג אַ האַנט אויף זיין זייט און ווייסט נים אַז ס'איז זיין האַנט. ער דערשרעקט זיך נאָך מער) איי, ער האַלט מיך שוין ביים זייט... (בלייבט פאַרגליווערט. אַלע בלייבט הייגנען אין שרעק)

טוטמאַך: (אַ ווײַלע שפּעטער) תמליך, גיי זע וואָס מאַכט דער קעניג און ווער איז דאָרט.

תמלוך: איך ווייס נים ווי צו גיין אין דער פינסטער... ווער ביזטו?

טוטוך: מעכטיגער קעניג, אפשר איז דאָס דיין אייגענע האַנט אויפן זייט, האָ?

פרעה: (פּרואווט עס אַפּרייסן מיטן גאַנצן כוח) טאַקע, ס'איז מיין אייגענע האַנט. אַזוי פיל אומזיסטע שרעק געהאַט. ווי איז מיר, איך וועל דאָס נים איבערטראַגן.

טוטמאַך: מעכטיגער קעניג, זעסט ווי געטריי דיינע דינער זיינען. זעסט ווי תמלוך האָט זיך דערשראָקן און געלאָפן דיך ראַטעווען!

תמלוך: ביזט גערעכט גרויסער טוטמאַך, ביזט גערעכט. טויטן קומט מיר פאַרן דערשרעקן זיך, איך ווייס. איך בין נים ווערט צו דינען דעם מעכטיגן קעניג. אַ שטויב בין איך דאָך.

טוטמאַך: איך ווייס, איך ווייס, איך בין טאַקע דער גרעסטער האַר פון אַלעמען. איך בין טאַקע אַ גרויסער מאַן אין דער מלוכה

ניט אזוי ווי איר אלע זענט מיכט.

**פרעה**: וואס וועט אבער זיין מיט מיר איצט? ווען וועט מען מיך שוין דערהרגענען? די אידן קענען דאך אריינקומען אהער יעדע מינוט מיך טויטן. איך האב מורא... באהאלט מיך ערגעץ.

**לומוך**: טאקע אזוי. לאמיר באהאלטן ערגעץ וואו דעם קעניג. (געפינען אים) קים, אם וועלן מיר דיך באהאלטן. (פירן אים)

**פרעה**: אלע, אלע העלפט מיך באהאלטן. קומט אלע אהער. ניין, דאס הייסט ניט באהאלטן. איר מוזט מיך אוועקלייגן אויף דרערד און שלעפן מיך... (טוען עס. שלעפן אים ארום איבערן צימער) נאך אלץ ניט באהאלטן. ס'טויג ניט. איך שרעק מיך נאך אלץ. (זיי לאזן אים אפ) מיין געוויסן פלאגט מיך אזוי און לאזט מיך ניט רוען. אזוי פיל מענטשן ארבעטן נעבאך פאר מיר. אזויפיל שקלאפן קומען אום יעדן טאג. נו, וואס זאל איך טאן, אז איך וויל זיך ניט צווינגען זיי ארויסצושיקן. נו, וואס קען איך מיר העלפן? אוי, פינסטער און ביטער איז מיר!

**לומוך**: א רחמנות נעבאך אויף אונזער מעכטיגן קעניג. ניט ניט צו זיין א קעניג איצט. שוין בעסער אזוי, ווי איך בין.

**טומוך**: מעכטיגער קעניג, איך האב פאר דיר אן עצה ווי די זאלסט זיך באשיצן. ווער אים קעניג אויף א ווײלע. בלויז ביז וואנען דער חשך וועט אריבערגיין. זעץ אוועק עמיצן אן אנ-דערן אויפן טראן און הייס אים זיך אנטאן דיין קרוין. וועט ער זיין דער קעניג. און אז די אידן וועלן קומען דיך זוכן, וועלן זיי אים דערהרגענען אנשטאט דיך.

**פרעה**: א טייערע עצה. א וואונדערבארע עצה. זעסט, טוממאך, די וואלסט עס ניט צוגעטראכט. ווער וויל זיך זעצן אויפן טראן און שטארבן פאר מיר?

**טוממאך**: מעכטיגער קעניג, זיי זיינען אבער פארט נידעריגע ברואים. זיי האבן אפילו קיין רעכט ניט צו געבן עצות. וואו איז דאס געהערט געווארן אז א פשוטער קנעכט זאל געבן עצות? זאל מען טראכטן? ווי וואגט איר צו טראכטן, נידע-

ריגע ברואים? האָט איר פאַרגעסן ווער איך בין? ווער איז דאָ דער גרויסער האַר, איך אָדער איר?

ל ו ט ו ך און ט ו ט ו ך: (צעשראָקן) מיר בוקן זיך פאַר דיר, גרויסער טוטמאַך. (טוען עס)

פ ר ע ה: נעם, טוטמאַך טייערער, און זעץ זיך אויפן טראָן און שטאַרב דו פאַר מיר. נעם טו עס מיר די טובה, טוטמאַך טייערער.

ט ו ט מ א ך: איך? קיין אַנדערער איז שוין גאָר ניטאָ אויף צו שטאַרבן ווי איך? מעכטיגער קעניג, וואָס רעדסטו?

פ ר ע ה: אַלע איבעריגע דינערס קענען נוצן מיך צו באַשיצן.

ת מ ל ו ך: אָ, מעכטיגער פּרעה, גלויבסט נאָך, אַז מיר קענען דיך באַשיצן? אָ, מיין גאַנצן לעבן וועל איך אַוועקגעבן פאַר דיר, אַבי קער זיך ניט אָפּ פון אונז.

פ ר ע ה: הערסט, טוטמאַך, זיי קענען מיך נאָך באַשיצן, אָבער דו טויגסט סיי ווי ניט אויף קיין אַנדער זאַך, טאָ נעם, זעץ זיך אַוועק אויף מיין טראָן און שטאַרב פאַר מיר. טו דאָס מיר די טובה. איך וועל דיר דאָס אייביק ניט פאַרגעסן. איך וועל דיך אַלעמאָל באַלוינען דערפאַר.

ט ו ט מ א ך: מעכטיגער קעניג, האָב רחמנות אויף מיר. אַ גאַנץ לעבן האָב איך דיר אַזוי געטריי געדינט.

פ ר ע ה: נעם טוטמאַך, מיין קרוין און זעץ זיך אויף מיין טראָן. רעד ניט קיין סך. אויף קיין אַנדער זאַך קענסטו מיר איצט ניט נוצן, ווי צו שטאַרבן פאַר מיר.

ט ו ט מ א ך: נו, גוט, וועל איך גיין שטאַרבן פאַר דיר, מעכ-טיגער קעניג, אָבער-איין זאַך מוזטו מיר פאַרשפּרעכן: דו זאָלסט זיך אָן זיי אויך נוקם זיין. דו זאָלסט זיי צעטרעטן ווי די ווערים ווען ס'וועט ליכטיג ווערן, פאַרוואָס זיי האָבן געוואַגט צו טראַכטן אין דער פינסטער.

פרעה: נו גוט, נו גוט. איך וועל זיי טויטן, אבער דערווייל זעין זיך אויפן טראָן. און איר, קינדער מיינע, באשיצט מיך. (טומטאך זעצט זיך אויפן טראָן)
צים ארויס אייערע שווערדן און זייט גרייט צו באשיצן דעם קעניג. לאָזט קיינעם נישט הערן, געדיינקט, זייט העלדן, זייט אים געטריי. (טוען עס)

טומטאך: (צו זיך אין דער שטיל) איצט קען איך שוין אראָפגיין (גייט שטיל אראָפ)

תמלוך: ווער איז דאָרט?

טומטאך: (צו זיך) ווי איז מיר! זיי האָבן געהערט מיינע טריט. (בלייבט שטיל)

תמלוך: ווער איז דאָרט?

טומטאך: א איד איז דאָס.

תמלוך: יאָגט אים, טייט אים שלאָגט אים אָן רחמנות. (מ'יאָגט זיך נאָך אים)

טומטאך: (צו זיך) אוי, ווי איז מיר. וואָס טוט מען? זיי וועלן מיך דערהרגענען. (אין דער הויך) מיר זוכן דעם קעניג, דעם אמת'ן פרעה.

פרעה: (לאָזט ארויס א געשריי) אוי, מיין סוף איז געקומען. (הויבט אָן לויפן ווי משוגע)

תמלוך: יאָגט אים, שלאָגט אים אָן רחמנות. (פרעה שלאָגט זיך אָן אָן טוטמאכן)

טומטאך: אָט איז ער. איך האָב אים געפּאַקט. (שלאָגט אים)

תמלוך: שלאָגט אים אָן רחמנות. זייט העלדן, ברידער. באַשיצט דעם קעניג. (מ'שלאָגט אים)

פרעה: שלאָגט מיך נישט, איך בין א איד פונקט אזוי ווי איר.

טומטאך: אהא, א איד ביזטו? אט וועלן מיר דיר ווייזן. שלאגט שלאגט.

פרעה: האט רחמנות אויף מירו שלאגט מיך נים... איך בין דאך א איד... א, מיין סוף איז שוין געקומען. (פאלט אין חלשות)

טומוך: שטייט, וועמען שלאגט איר? דאס איז דאך געווען דער קעניג.

טומטאך: אהא, איצט וועל איך אייך שוין אלעמען ווייזן. דעם טוים האט איר זיך אלע פארדינט. געשלאגן אייער אייגענעם קעניג.

תמלוך: ווי איז מירו ווי איך האב עס קיין מזל נים. טאמער האב איך שוין באשיצט דעם קעניג האב איך אים נאך געשלאגן אויך.

לוטוך: אבער וואס זיינען מיר שולדיג? ער האט דאך געשריען, אז ער איז א אידו

טומטאך: איר וועט שוין אייער טוים-שטראף באקומען, האט קיין מורא נים. איצט נאר הייבט אים אויף. (פרואוון אים אויפהויבן)

פרעה: (עפנט די אויגן) וואו בין איך? ווער איז דא? די אידן? שלאגט מיך נים.

טומטאך: מעכטיגער קעניג, קיין אידן זיינען דא גאר נים געווען. דיינע אייגענע דינער האבן דיך דאס געשלאגן. האבן זיי נים פארדינט טוים-שטראף, האי?

לוטוך: דו האסט געשריען, אז דו ביזט א איד, מעכטיגער קעניג. מיר זיינען נים שולדיג.

פרעה: אזוי, זיינען דא גאר קיין אידן נים געווען? האבן דאס מיך מיינע אייגענע דינער געשלאגן? (צעלאכט זיך) איצט איז מיר גוט. איצט ווייס איך זיכער אז איר זענט מיר געטריי. א דאנק אייך, קינדער מיינע, וואס איר האט מיך באשיצט. נאט

זאָל איך דערפאַר באַצאָלן. איצט נעמט מיך און הייבט מיך אַרויף אויפן טראָן.

מ ט מ אָ ך: דו ווייסט, מעכטיגער קעניג, דו האָסט געזאָגט, אַז איך טויג שוין אויף קיין זאַך ניט. אָט בין איך געווען דער ערש־טער דיך אָנצוהייבן שלאָגן און מיין לעבן אַוועקגעבן פאַר דיר.

פ ר ע ה: איך זע שוין, איך זע שוין ווי געטריי איר זענט מיר אַלע. הייבט מיך אויף, קינדער מיינע. (הייבן אים אויף) אוי, מיין זייטן און מיינע ביינער... הם... פּאַוואָליע מיינע פיס... אוי, איר האָט מיך אָזוי צעשלאָגן. אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. אָבער עס מאַכט ניט אויס. איצט ווייס איך באַמת, אַז איר זענט מיר געטריי.

(דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ, ווען ווי האַלטן פרעה'ן אויף די הענט און קענען דעם טראָן ניט געפינען. פרעה האַלט אין איין קרעכצן און שרייען אויף זיינע ווייטאָגן)

(פאָרהאַנג)

# דער זײדע מיטן אײניקל

פּערזאָנען:

דער זיידע
נחמיה׳לע — זיין אייניקל
דער בער.

א קליין שטיבל ערגעץ וואו אויף א ישוב, וואו ס׳וואוינען דער זיידע מיט נחמיה׳לען. דער זיידע האַלט אין מיטן קערן די שטוב און נחמיה׳לע שלעפּט זיך אים נאָך.

נחמיה׳לע: זיידע, קום זיך שפּילן מיט מיר. איך וויל זיך שפּילן מיט דיר.

דער זיידע: אָט, נחמיה׳לע, איך וועל נאָר ענדיגן קערן די שטוב וועל איך זיך נעמען שפּילן מיט דיר.

נחמיה׳לע: ניין, איך וויל איצט. וואַרף אַוועק אַלע אַרבעט און קום זיך מיט מיר שפּילן.

דער זיידע: גוט. איך וועל בלויז אַרויפשטעלן די קאַרטאָפ-ליעס אויפן פייער, וועלן מיר האָבן וואָס צו עסן שפּעטער. (טוט עס) איז מיט וועמען ווילסטו זיך היינט שפּילן, נחמיה׳לע?

נחמיה לע: רוף אַריין די שעפּסעלאַך, זיידע.

דער זיידע: (שטעלט זיך צום פענסטער און רופט) שעפּסעלאַך,

שעפּסעלאַך, קומט אַריין, קומט זיך שפּילן מיט מיין קליינינקן נחמיה׳לען. זיי קומען קיינמאָל נים. אַ מאָדנע זאַך דאָס איז. זיי ווילן נים קומען. די שעפּסעלאַך. סאָ וועל איך זיין דאָס שעפּסעלע. (מאַכט זיך פאַר אַ שעפּסעלע) מע.. מע.. מע.. אָט איז דאָך געקומען אַ שעפּסעלע...

נחמיה׳לע: מע.. מע.. מע.. איך בין אויך אַ שעפּסעלע. אַז מיר וואָלטן געהאַט אייגענע שעפּסעלאַך, וואָלטן זיי זיך געקומען שפּילן מיט מיר. וואָלט איך זיך געקענט שפּילן מיט אמת׳ע שעפּסעלאַך. זיידע. אַז די שעפּסעלאַך קומען נים, סאָ רוף אַריין די פערדעלאַך.

דער זיידע: (רופט) פערדעלאַך, פערדעלאַך, קומט אַריין. קומט זיך שפּילן מיט מיין קליינינקן נחמיה׳לען.

נחמיה׳לע: איך ווייס ווי אַזוי אַ פערדעלע שפּרינגט, אָט אַזוי. (שפּרינגט) זיידע, זיי דו דאָס פערדעלע און איך וועל זיך שפּילן מיט דיר.

דער זיידע: גוט, גוט, שפּיל זיך מיטן זיידן, נחמיה׳לע. (הירזשעט און שפּרינגט) אַ גוט פערדעלע בין איך, נחמיה׳לע? נעם און שפּאַן מיך איין, נחמיה׳לע, און מיר וועלן זיך שפּילן.

(ביידע טוען עס)

נחמיה׳לע: און די ציגעלאַך וועלן גאָר היינט נים קומען, זיידע? איך וואָלט אַזוי געוואָלט זען אמת׳ע ציגעלאַך.

דער זיידע: אָט וועל איך זיי אַריינרופן. (רופט) ציגעלאַך, ציגעלאַך, קומט אַריין. קומט זיך שפּילן מיט מיין קליינינקן נחמיה׳לען. נו, זיי קומען אויך נים קיינמאָל. וועל איך שוין אַליין זיין אַ ציגעלע. (מאַכט זיך פאַר אַ ציגעלע) מע.. מע. מע. אָט איז אַ גרויסע ציג מיט הערנער.

נחמיה׳לע: ניין, איך וויל אָן אמת ציגעלע. קיינמאָל האָב איך נים קיין אמתע ציגעלאַך זיך צו שפּילן.

דער זיידע: נו, שאַ, וויין נים, נחמיה׳לע, אָט וועל איך אַריינ-

הופן דעם בער אהער, וועסטו זיך גאר שפּילן מיט אַ בער.

**נחמיה׳לע:** (ווען דער זיידע וויל רופן דעם בער) פאַרן בער האָב איך מורא, זיידע. רוף אים נים.

**דער זיידע:** האָב קיין מורא נים. סיי ווי וועט ער נים קומען. (רופט) בער, בער, קום אהער, וועסטו זיך שפּילן מיטן קליינינקן נחמיה׳לען. ער קומט אויך נים. ווייסטו גאר וואָס? איך האָב דאָ אַ פעל פון אַ בער. וועל איך עס זיך אָנטאָן און וועל אויסזען ווי אַן אמת׳ער בער און דו וועסט זיך שפּילן מיט אים.

**נחמיה׳לע:** גוט, זיידע, גוט. טו עס. (קושט אים) איך האָב אַזוי ליב צו שפּילן זיך מיט דיר.

**דער זיידע:** (טוט זיך אָן די פעל) אָבי... אָט איז אַן אמת׳ער בער, געקומען דיך אויפעסן. (נחמיה׳לע לאַכט) ניין, ניין, נים עסן מיין קליינינקן נחמיה׳לען. ווייסטו וואָס? איך וועל גיין אַריינטראָגן אַביסל מערן פון גאָרטן, ציצולייגן צו די קאַרטאָפ־ליעס וועסטו זען ווי אַזוי בערן קענען שאַבן מערן. און דערנאָך וועל איך אויסקערן די שטוב, וועסטו זען ווי אַזוי בערן קענען קערן. דערנאָך וועסטו זיך זעצן רייטנדיג אויף מיר און ציפּן פאַר די האָר. יע, נחמיה׳לע?

**נחמיה׳לע:** יע, יע, גיי און קום אַריין צוריק. איך וויל מאַקע רייטן אויף אַ בער. אַן אמת׳ן בער. (דער זיידע גייט אַרויס. נחמיה׳לע בלייבט אַליין וואַרטן. ס׳קומט אַריין אַן אמת׳ער בער).

**נחמיה׳לע:** (מיינט אַז ס׳איז דער זיידע) נו, זיידע, האָסט גע־בראַכט די מערן? לאָמיר זען ווי די בערן שאַבן מערן. (דער בער גיט אַ ברום) זיידע, מאַך נים אַזוי, איך שרעק זיך. נאַ, ווילסט דאַך־קערן. אָט איז דער בעזים. (וויל אים דערלאַנגען דעם בעזים) וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ פּנים ביי דיר? (דער בער גיט נאָך אַ ברום, נחמיה׳לע דערשרעקט זיך, וואַרפט אַוועק דעם בעזים און אַנטלויפט) זיידע, איך האָב מורא פאַר דיר. (דער בער נעמט דעם בעזים און־

קערט די שטוב. נחמיה'לע גייט ווידער צו) בא, בא, בא, אט זע איך ווי אזוי א בער קערט די שטוב. איצט לאמיר זיך זעצן ריי־טענדיג אויף דיר און צופן די האר. (נעמט צו פון אים דעם בעזים זעצט זיך אויף אים און רייט און צופט אים פאר די האר, בריקט מיט די פיס און לאכט)

דער זיידע: (קומט אריין מיט דער פעל אין האנט, דערזעט נחמיה'לען אויפן בער, דערשרעקט זיך, ווארפט ארויס די פעל פון האנט און לאזט זיך לויפן צום קינד) ווי איז מיר, א בער גאר. ווי קומט מיין קינד ביי א בער אויפן רוקן? (כאפט דאס קינד און בלייבט שטיין צעשראקן)

נחמיה'לע: איך האב געמיינט, אז ער איז דער זיידע...

דער בער: האט פאר מיר קיין מורא נים. איר זעט דאך, איך בין א שטילער בער. איך טשעפע קיינעם נים. טרייבט מיך נים ארויס פון דאנען. איך בין אן איינזאמער אויף דער וועלט. און איר ביידע זיים אויך איינזאם אזוי ווי איך, טא לאמיר אלע דריי זיין צוזאמען.

דער זיידע: מיט אונז צוזאמען? איך ווייס נים. עפעס מאדנע. פארוואס גראדע מיט אונז?

דער בער: ווייל איך האב דא קיין אנדערע לעבעדיגע באשעפענישן נים געטראפן אין דעם גאנצן געגנט. ווייס ארום און איך וויל דא נים בלייבן ביי אייך אומזיסט. איך וועל טאן פאר אייך אלע שווערע ארבעט. איך וועל שלעפן וואסער און האקן האלץ און איך וועל מיר דא שפילן מיט נחמיה'לען. לאזט מיך דא זיין און טרייבט מיך נים ארויס.

נחמיה'לע: לאז אים דא בלייבן, זיידע, וועל איך מיר קענען אלעמאל שפילן מיט אן אמתן בער.

דער זיידע: נו, גוט, אויב דו ווילסט ער זאל דא בלייבן. וועלן מיר אלע דריי זיין צוזאמען. אז איך וועל קאבן עסן פאר

אונז ביידן, וועל איך שוין קאָכן עסן פאַר אים אויך.

דער בער: (הויבט אָן שפּרינגען פאַר שמחה) איך פריי זיך אַזוי, וואָס איך וועל קענען זיין מיט אייך צוזאַמען. (כאַפּט נחמיה'לען אויף די הענט) איצט וועלן מיר זיך קענען שפּילן, וויפל מיר וועלן וועלן.. (טראָגט אים אַרום איבערן שטוב. דרייט זיך מיט אים) איך האָב אַמאָל געהאַט אַזעלכע בערעלאַך, פלעג איך זיי אַזוי אַרומטראָגן אויף די הענט און זיי פלעגן מיך קיצלען. נעם, קיצל מיך. (לאָזט אים אַראָפּ אויף דער ערד, נעמט פאַנאַנדער זיינע גרויסע פיס און נחמיה'לע קיצלט אים אין בויך) אָט אַזוי, אָט אַזוי, קום אַהער, לייג זיך אַוועק ביי מיר אויפן שויס און שלאָף איין. (נחמיה'לע טוט עס)

נחמיה'לע: ווי ווייך דאָ איז צו ליגן ביים בער אויפן שויס. ד. זאָלסט קיינמאָל ניט אַוועקגיין פון מיר, גרויסער בער, וועל איך אַלעמאָל האָבן מיט וועמען זיך צו שפּילן. (שלאָפט איין)

דער בער: זיידע, דער קליינינקער נחמיה'לע איז איינגעשלאָפן וואָס זאָל איך אים אַהינטאָן?

דער זיידע: לייג אים אַוועק אויפן געלעגער, פאַוואָליע. וועק אים ניט אויף.

דער בער: ניין, איך וועל אים ניט אויפוועקן. (לייגט אים אַוועק)

דער זיידע: איצט בלייב דאָ אַ ווײַלע. אַכטונג צו געבן אויפן קינד, די פליגן זאָלן אים ניט בייסן, און איך וועל גיין אַריינ-טראָגן וואַסער פון דרויסן אויסצואוואַשן די דילן. אַלעמאָל גיב איך אַכטונג אויף אים.

דער בער: ניין, זיידע, דו זיין און גיב אַכטונג אויף אים. דו האָסט אים מער ליב ווי איך, און איך וועל גיין אַריינטראָגן וואַסער און וועל וואַשן די דיל. איך האָב מער כוח פון דיר. (גייט אַרויס. דער זיידע בלייבט זיצן וואַכן איבערן קינד)

דער זיידע: אַ טייערער בער. אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

איצט וועט טאָקע זיין היימליך ביי אונז.

נחמיה׳לע: (כאַפּט זיך אויף) זיידע, וואו איז דער בער?

דער זיידע: אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע. וואָס איז, דיר האָט זיך עפּעס געחלומ׳ט?

נחמיה׳לע: ס׳האָט זיך מיר געחלומ׳ט (וויל זיך דערמאָנען) איך געדיינק נים וואָס... זיידע, שיק אים אַוועק פון דאַנען. איך וויל אים דאָ נים האָבן. איך האָב מורא פאַר אים.

דער זיידע: נו, גוט, וועל איך אים אַוועקשיקן. מסתמא האָסטו עפּעס דערפילט אין שלאָף, אַז דו שרעקסט זיך פאַר אים.

(ס׳קומט אריין דער בער, בלייבט שטיין אין מיטן שטוב מיטן עמער וואסער, ווי ער וואלט עפּעס פארשטאַנען)

דער בער: וואָס איז דאָ? עפּעס פאָרגעקומען?

דער זיידע: מיין אייניקל נחמיה׳לע שרעקט זיך פאַר דיר. ער האָט מורא.

דער בער: פאַרוואָס האָט ער מורא פאַר מיר? האָב איך אים דען עפּעס געטאָן? איך האָב נאָך קיינמאָל אויף מיין לעבן קיין קינד נים געשמעפּעט, און נחמיה׳לען אוודאי נים.

דער זיידע: אָבער ער האָט מורא געקראָגן פאַר דיר. עפּעס וואָס האָט ער דערפילט אין שלאָף. איך וואָלט אוודאי געוואָלט דו זאָלסט דאָ בלייבן, נאָר וואָס קען איך טאָן? אַז נחמיה׳לע האָט מורא, וועסטו מוזן אַוועקגיין פון דאַנען.

דער בער: אַוועקגיין פון דאַנען? (שטעלט אוועק דעם עמער) און איך האָב געמיינט, איך האָב שוין געפונען אַן אָרט וואו צו זיין. איצט וועל איך מוזן ווייטער וואַנדערן איינזאַם איבער דער וועלט. (וויינט) אפשר איז דאָס, ווייל איך קען קיין דריטער צווישן אייך ביידן נים אַריינקומען? (צו נחמיה׳לען) זאָג, נחמיה־לע, פאַרוואָס האָסטו אַזוי מורא פאַר מיר? פאַרוואָס ווילסטו

איך זאָל אויסקריין?

נחמיה׳לע: זאָל ער אויסקריין, ווידע. איך האָב מורא פאַר אים.

דער בער: נו, הייסט עס, ווען איך מיין גיין, ווילסטו מיך נאָך איינמאָל אַרומנעמען, נחמיה׳לע, פאַר אויסקריין. (גייט צו צו אים)

נחמיה׳לע: ניין, ווידע, דאָס איז ניט צו. איך שרעק זיך.

דער ווידע: פאַרפאַלן, זעסט דאָך ווי ער שרעקט זיך. האָב אויף אים קיין פאַריבל ניט, בער. ער איז דאָך ניט מער ווי קינד. (גיט אים אַ האַנט) גיי געזונטערהייט, בער. (גיט אים די קאַרטאָפליעס) נאָ, וועסטו האָבן צו עסן. אויב וואָלטן מיר צוזאַמען געגעסן. איצט וועסטו דאָס עסן אויפן וועג.

דער בער: אַ דאַנק דיר דערפאַר, ווידע. דערמאָנט מיך ניט צום שרעקלעכן. איצט וועל איך גיין. אַ גוטן טאָג. (גייט אַרויס)

דער ווידע: נו, ווילסטו זיך איצט שפּילן מיט מיר, נחמיה׳לע? לאָמיר זיך ווייטער שפּילן. האָב ניט קיין פאַרדראָס, וואָס דער בער איז אַוועקגעגאַנגען.

נחמיה׳לע: ניין, ווידע, איך וועל ניט וויינען קים. לאָמיר זיך שפּילן.

דער ווידע: שעפּעלאַך, שעפּעלאַך, קומט אַריין קומט זיך שפּילן מיט מיין קליינינקן נחמיה׳לען.

נחמיה׳לע: מ׳דאַרף שוין ניט קיין אַנדערע שעפּעלאַך. איך וויל זיך אַלעמאָל שפּילן מיט מיין ווידן. מיט מיין ווידן האָב איך האַלבער זיך צו שפּילן, ווי מיט דער גאַנצער וועלט.

(בלייבן ביידע אַרומגענומען)

(פאָרהאַנג)